1015

# נפתלי שפיגל המבואר

1) פאר וואס זעהט נפתלי שפיגל פריצות וואס קיינער זעהט נישט?
די ערשטער שפיגלעך וואס האבן דאס געזעהן זענען געווען די מראות הצובאות וואס משה רבינו האט נישט געוואלט, זיי האלטן זיך פאר דירעקטע אייניקלעך, מען האט געמאכט פון די יידען א כיור, זייט דעמאלטס בייוואשען זיי כלל ישראל.

2) ווי איז ער מרומז אין די תורה?
אין ארבעה אבות נזיקין: 1) שן: ר"ת נ"ש, 2) קרן: גימ' ר"ת נ"ש, 2) הבער: קוקט אים אהן ווען ער איז אין כעס, 4) רגל: האט מען געזעהן ביי די לעצטע רבנישע חתונה ווי ער האט געשטויסען אויף אלע זייטן ווי א שור המזיק.

3) פאר וואס גייט ער א בארד?
פארשטעלען זיינע לחי'ס (באקען).

4) פארוואס האבן זיי דערלאנגט דעם טאטן א פאטש אין די באק?
זיי האבן געזעהן א לחי.

5) פאר וואס פאטשען זיי זיך נישט אליין ווען זיי זעהן זייערע אייגענע לחי'ס (באקען) אין שפיגעל?
זיי וויסען אז א שפיגל טאר מען גארנישט גלייבן.

6) פארוואס איז נ"ש אזוי שנעל אנטלאפן ווי א האזל ווען מ'האט אים געפאקט רייסען דעם עירוב?
ער האט זיך דערמאנט ער האט נאך נישט געדאווענט קיין מנחה (אגאנץ יאהר).

7) ווי האט ער זיך אויס געלערנט צו לויפען אזוי שנעל?
פון די ווייבלעך וואס ער יאגט זיי נאך יעדען שבת.

8) פאר וואס דערשרעקט ער יידישע מאמעס יעדען שבת?
עונג שבת איז מדאורייתא.

9) וואס איז מיט דען ולא תתורו אחרי עיניכם?
זיינע חדשומים (ש"ל ש"ס צ"ו-ר) וואס מ'אכען איהם די הלכות אין די צייטונגען האבען אים אויס געלערנט דעם טריק פון "כמעט אמת". מען לאזט אויס דעם "ולא" קומט אויס בפירוש א מצוות עשה מן התורה "...תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם"

10) אז ער יאגט זיך ארום מיט די ווייבלעך אגאנץ שבת ווען דאווענט ער, וואס איז מיט מצוות תפילה?
די מצווה איז נאר געווען ווי ס'געווען אשטאט'ס רב, אין אמעריקע איז נישטא קיין שטאט'ס רב פאלט אוועק אהן אשיעור הלכות.

11) ווען איז מותר געווארען רייסען דעם עירוב סאיז דאך גזילה ממש?
זעהט נומער 10

12) ווען איז מותר געווארן מסירה מיט חילול השם?
זעהט נומער 10

13) ווען איז מותר געווארן ........................ (שרייבט דא אריין וועלכע עבירה וואס 'שמעקט אייך אהן)
זעהט נומער 10

14) פארוואס איז ער אזא עם הארץ?
ווען דער מלאך האט געהערט אז דאס איז נ"ש האט ער אים דערלאנגט א דאפעלטע שנעלקע אין די נאז.

15) פארוואס האט ער צו בראכן די מחיצות וואס מהאט משלים ארום ברוקלין (שהוא כשר אפילו לשיטת המשכנות יעקב) ער איז דאך מכשיל רבבות יידן מיט חילול שבת (דאורייתא לשיטתם)?
ער גייט פארשטעלט ווי רב אין ער האט געזען שטיין אתי רבי'ם ומבטלי מחיצה.

16) פארוואס קלעבט ער אהן די זעלבע פלאקאטן יעדן פרייטיג?
ער מיינט אז ששים רבוא בוקען איז זעכציג ראביים פון פלעטבוש.

17) פאר וואס שאקלט ער זיך ווען ער שרייט נאך שבת "מחלליה מות יומת",
ער שרייט דאס שנים מקרא ואחד תרגום, אזוי איז ער מעביר סדרה, די איינציגע עברי וואס ער קען.

18) אויב סאיז אזא גרויסע מצוה צו רייסען אין עירוב פאר וואס שטייט נישט בפירוש אין שו"ע. פארקערט עס שטייט דאך ווען אפילו רוב האלטן א רה"ר דאורייתא קען דער מיעוט זיי מחייב צו באצאלן אויפצושטעלען דעם עירוב?. ( ערוך השולחן חו"מ קס"ב א')

מען האט אים געוויזען אז שטייט יא אין שו"ע סי ש"מ. חייב לקרוע...צריך שיקרע מעומד... לכתחלה צריך לקרוע... מקום הקריעה בכל מקום וכו, וכו, (ואין לעיין שם).

19) דאס איז דאך אין יורה דעה הלכות אבילות?
ווער קוקט דאס נאך? פאר די צייטונגען איז עס פונקט גוט.

20) איז ריכטיג וואס ער זאגט ער האט א צעטל פון א רב ער מעג רייסן?
סאיז אויך "כמעט אמת", נאר דריי שינויים 1) נישט פון ארב, נאר פון א דאקטער, 2)נישט ער מעג, נאר ער איז 3) נישט רייסן, נאר *איין אנגעריסענער* שוטה, חוץ דעם איז אלעס אמת.

21) ער האט געזאגט ער מופט אוועק פון בארא פארק ווען עס וועט זיין אין עירוב, פאר וואס האלט ער נישט ווארט?
ער זוכט אשטאט ווי מ'וועט קיינמאהל נישט מאכן קיין עירוב, די אראבישע מדינות לאזן אים נישט אריין, זיי האבן אייגענע טעראריסטן, די אפריקאנער מדינות זאגן זיי האבן גענוג אייגענע חיות.

22) פארוואס שרייט ער אלעמאהל ווען ער רעדט?
ער איז געבוירען פון א באזארגטע מאמע
**(Concerned Mother)**

23) האט נשתלי פיגול נישט קיין דרך ארץ פאר קיינעם?
יא דרך ארץ פלישתים, (עזה ובנותיה) ער פירט א ג'יהאד (מלחמת קודש) קעגן יידען.

24) איז נישטא קיין שום חילוק?
יא! זיי פארופן זיך אויף אונזער פעטער (ישמעאל) ער פארופט זיך אויף זיין פעטער (הרב אי"ה ביק).

25) וואס ענטפערט דער פעטער ווען מהאט אים פארגעהאלטן, אז זיין בר אחתיה טענה'ט אז ער האט אים געהייסן רייסען יידישע עירובין?
ער ענפערט: איך האב נאר אויס גערופען דעם ג'יהאד אבער נישט געהייסן שיסען. (עיין מנהגי ארץ ישראל יו"ל ע"י U.N. בשם הר"י אראפאט)

26) פאר וואס לייגט ער אריין אזוי פיהל טייערע מודעות איו די צייטונגען, קען מען פסקענען איין הלכה פון די צייטונגען?
ער האלט אז דער שולחן ערוך איז אויך א צייטונג.

27) מיט וואס איז א פאשקעוויל בעסער ווי די צייטונג?
ביידע באלייריגען ת"ח, ביידע שרייבען שקרים, אויף ביידע מאכען יידען געלד, ביידע זענען נישט פאראנטווארטליך פארן אינהאלט. דער חילוק איז נאר, א פאשקעוויל קען מען נישט גיין קויפן אום שבת מי'טן עירוב. (אזוי ווי מען האט דאס אליין געזעהן... )